NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13352

DI KLEYNE HOLENDER

Lucy Fitch-Perkins

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

ליוסי פיטש-פּערקינס

די קליינע האָלענדער

יידיש — העלענע כאַצקעלס

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול"
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1938

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

ליוסי פיטש-פערקינס

די קליינע האָלענדער

יידיש — העלענע כאַצקעלס

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול"
ווילנע 1938

Printed in Poland

L. Fitch - Perkins

„Di klejne Holender“

Druk. Ekspres Wilno.

קיט און קעט.

קיט און קעט זײַנען אַ צווילינג. זיי וווינען אין האָלאַנד. קיט איז אַ ייִנגל, קעט — אַ מיידל.

זייערע אמתע נעמען זײַנען קריסטאָפער און קאַטרינאַ. אָבער די קומען צו אַזוינע ברעקלעך אַזוינע לאַנגע נעמען, רופט מען זיי טאַקע גאָר איינפאַך — קיט און קעט.

זייער מוטער, פרוי װעדדער האָט געזאָגט: „מיר װעלן זיי רופן קריסטאָפער און קאַטרינאַ, װען זיי װעלן דערװאַקסן װײניקסטנס ביז אַנדערטהאַלבן מעטער".

„ביז אַנדערטהאַלבן מעטער!" דאָס איז ניט קיין קלייניקײַט: ס׳וועט אויסקומען לאַנג צו וואַרטן. הינדעלעך, קעצעלעך, הינטעלעך און זשרעבטשיקלעך וואַקסן גיכער ווי קינדער. קיט און קעט װעלן זיך נאָך גוט אָנשפּילן, װעלן פאַרברענגען נאָך פיל, פיל גליקלעכע טעג איידער זיי וועלן זיך דערוואַרטן, מע זאָל זיי רופן מיט זייערע אמתע נעמען.

ווי קיט איז אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער.

ס׳איז געווען אַ קלאָרער זומער-פרימאָרגן. פרוי װעדדער האָט געעפנט די טיר פון איר קליינער קיך און איז אַרויס אויפן גאַניקל.

פאַרבײַ זייער הויז האָט זיך געצויגן אַ וועג, לעבן וועג אַ קאַנאַל. הינטערן הויז זײַנען געווען גלײַכע גרינע פעלדער, זיי האָבן זיך גע-צויגן ווײַט ביזן האָריזאָנט, וווּ דער הימל קומט זיך צוזאַמען מיט דער ערד. דער הימל איז געווען בלוי, די זון האָט זיך נאָר וואָס בא-וויזן פון הינטער די שפּיצן פון די ביימער.

פרוי װערדער האָט זיך צוגעהאָרכט. די הענער האָבן געקרייט אויפן הויף. די ענטלעך האָבן געגאַגערט אויפן קאַנאַל. די קליינע פייגעלעך האָבן פריילעך געזונגען אויף די פעלדער. פרוי װעדדער איז ווידער אַרײַן אין קיך, זי האָט אויך אָנגעהויבן עפּעס זינגען.

קיט און קעט האָבן נאָך געשלאָפן אין זייערע בעטעלעך. די מאַמע האָט זיי אַ קוש געטאָן איטלעכן באַזונדער. זיי האָבן געעפנט די אויגן און האָבן זיך געזעצט אויף זייערע געלעגערס.

— קים און קעט, — האָט די מוטער געזאָגט: — די זון איז שוין אויפֿגעשטאַנען, די פֿייגעלעך זינגען, דער זיידע גייט צום ים. אויב איר טוט זיך גיך אָן, קענט איר מיטגיין מיט אים. ער וועט אַרײַנגײַן צו אונדז זעקס דעם זייגער. שטייט אויף לעבעדיקער, און איך וועל אײַך אַרײַנלייגן דעם פֿרישטיק אין קערבל.

קים און קעט זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פֿון די בעטלעך, האָבן אָנגעטאָן זייערע נײַע הילצערנע שיך, זיך געזעצט אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניקל, און די מאַמע האָט זיי דערלאַנגט שיסעלעך מילך מיט ברויט צום פֿרישטיק.

באַלד איז דער זיידע געקומען. די מאַמע האָט זיך מיט זיי צעקושט און אָנגעזאָגט:

— פֿאָלגט דעם זיידן און פֿאַלט ניט אַרײַן אין וואַסער.

דער זיידע איז אַוועק מיטן צווילינג מיט דעם ברייטן וועג לענג אויס דעם קאַנאַל.

זייער הויז איז דאָך געשטאַנען ניט ווײַט פֿון קאַנאַל. דער פּאַטער איז געווען אַ גערטנער, לאַנגע בייטן מיט קרויט, בוריקעס און ציבעלע האָבן פֿאַרנומען אַ גאַנץ פֿעלד לעבן וועג.

דער זיידע האָט געוווינט אין אַ גרויסער שטאָט ווײַט ווײַט פֿון דעם צווילינגס הײַזל. אַ וווּנדער, אַז מיר זעען אים דאָ הײַנט. ער איז דאָך אַלע טאָג פֿאַרנומען פֿון גאָר פֿרי: ער פֿירט פֿונאַנדער מילך אין אַ קליין וועגעלע איבער דער שטאָט.

קים און קעט טראָגן ביידע דעם קערבל מיטן פֿרישטיק, און אַלע דרײַ זײַנען זייער גליקלעך.

זיי זײַנען לאַנג געגאַנגען לענגאויס דעם קאַנאַל דערנאָך האָבן זיי זיך פֿאַרקירעוועט אויף לינקס, און זײַנען אַוועק מיט דער סטעזשקעלע, וואָס שנײַדט דורך די גרינע פֿעלדער און פֿירט צו אַ היגל. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין אמתער היגל: אין האָלאַנד זײַנען ניטאָ קיין היגלען און ניט קיין בערג. דאָס איז געווען אַן אָנגעשאָטענע וואַנט, אַ וואַנט פֿון ערד, אַ הויכע, נאָך העכער ווי אַ הויז. די זײַטן אירע זײַנען געווען גענייגטע. אַזאַ וואַנט הייסט אַ דאַמבע. אַזוינע ווענט אָדער דאַמבעס ציען זיך בײַם ברעג פֿון ים אין גאַנץ האָלאַנד. ווען די דאַמבעס וואָלטן ניט געווען, וואָלט דער ים פֿאַרגאָסן דאָס גאַנצע לאַנד.

דער זיידע און דער צווילינג האָבן זיך אויפֿגעהויבן אויף דער דאַמבע. דאָ האָבן זיי זיך צוגעזעצט אַ ווײַלע אָפּרוען און אַ קוק טאָן אויפֿן גרינעם בלויען ים. דער זיידע האָט זיך געזעצט אין מיטן. קים און קעט פֿון די זײַטן. די קערבלעך לעבן זיך.

אויפן ים איז פּאַמעלעך געשוווּמען אַ דאַמפּער, פון זײַן קוימען האָט זיך געצויגן אַ געדיכטער רויך.

— וווּהין גייען די דאַמפּערס, זיידע? — האָט קיט געפרעגט.

— אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד, אין כינע, אין אַלע איבעריקע לענדער, — האָט געענטפערט דער זיידע.

— נאָך וואָס? — האָט געפרעגט קעט.

זי פלעגט אַלע מאָל פרעגן „נאָך וואָס" אָדער „פאַרוואָס". און אַז זי פלעגט ניט פרעגן, פלעגט דאָס טאָן קיט.

— די דאַמפּערס נעמען פלאַקס און לײַוונט פון אונדזערע האָלענדישע פאַבריקן און פירן עס אין אַנדערע לענדער. און דאָרטן נייט מען פון דעם לײַוונט וועש פאַר ייִנגלעך און פאַר מיידלעך, — האָט דערקלערט דער זיידע.

— און נאָך וואָס? — האָט געפרעגט קיט.

— די דאַמפּערס נעמען נאָך קעז, הערינג, פּוטער, ציבעלעך פון בלומען און אונדז ברענגען זיי פון אַנדערע לענדער, וואָס הינטערן ים, פלייש, ווייץ און אַנדערע סחורות.

— ווען איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך זײַן אַ קאַפּיטאַן, — האָט געזאָגט קיט.

— און איך אויך האָט זיך אַרויסגעכאַפּט קעט. — מיידלעך קענען ניט זײַן קיין קאַפּיטאַנען, האָט אָפּגעענטפערט קיט.

זיי זײַנען אַראָפּ פון דאַמבע אויפן נידעריקן זאַמדיקן ברעג און זײַנען אַרויף אויף אַ קליינעם בריקל, וואָס האָט זיך מיט איין ברעג אַרויסגערוקט אין ים. דער זיידע האָט זיך געזעצט אויפן סאַמע ברעג, און זײַנע פיס אין די הילצערנע שיך זײַנען געהאַנגען איבערן וואַסער. דעם צווילינג האָט דער זיידע אַוועקגעזעצט ווײַטער פון ברעג.

זיי זײַנען געזעסן גאָר שטיל. די זון האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער, און אויפן בריקל איז געוואָרן אַלץ הייסער. אַ פליג האָט געקיצלט מיט אירע פיסלעך קעטס נאָז, און דאָס קינד האָט גענומען ניסן. דערבײַ איז אייננע פון אירע נײַע שיך אַראָפּגעפאַלן פון פוס אין וואַסער אַרײַן.

— אוי! האָט אויסגעשריען קיט, און מיטאַמאָל איז שוין קיט אין וואַסער, זיך אַ פּלוסקע געטאָן ווי אַ גרויסער פיש, מע האָט זיך אַפילו ניט באַוויזן אַרומצוזען ווי דאָס האָט פּאַסירט.

לעבן בריקל איז דער ים געווען פלאַך, און דער זיידע האָט אַרויסגעצויגן דעם ייִנגל פון וואַסער. עס איז אים געווען קאַלט, און

עס האָט בײַ אים געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן, און וואַסער האָט זיך געגאָסן פון די אויגן, פון די האָר, פון די אויערן.

קעט האָט אים ארומגענומען.

— אַך, קיט! ווי גוט דאָס איז, אז דו האָסט זיך ניט דערטרונקען. די מאַמע האָט דאָך דיר אָנגעזאָגט, דו זאָלסט ניט ארײַנפאַלן אין וואַסער—האָט קעט גערעדט צום ברודער.

— דו ביסט שולדיק,—האָט קיט בייז אָפּגעענטפערט.—צוליב דעם נײַעם שוך בין איך ארײַנגעפאַלן אין וואַסער! ווו איז ער דײַן נײַער שוך?

— נו, און ווו זײַנען דײַנע שיף? האָט קעט זיך אָפּגערופן.

און ווו זײַנען זיי טאַקע אַהינגעקומען די שיף?

קעטס שוך איז שוין אוועק ווײַט, ער איז געשווומען ווי א קליין שיפל, קיין אַמעריקע. און קיטסביידע שיף האָבן זיך נאָך אַלץ געוויגט אויף די כוואַליעס לעבן סאַמע בריקל. — אוי, אוי, האָט, נעבעך, געשריען קעט, אָבער דער שוך איז געשווומען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. קיטס שיף האָט דער זיידע ארויסגעפאַנגען פון ים מיט זײַן לאַנגן שטעקן. קעט האָט אויסגעטאָן דעם צווייטן שוך און ביידע זאָקן. קיטן האָט דער זיידע אויסגעטאָן נאַקעט און האָט אים אײַנגעגראָבן ביזן האַלדז אין וואַרעמען ריינעם זאַמד אויפן ברעג פון ים. דערנאָך האָט ער ארײַנגעשטעלט אין ים צוויי שטעקנס, האָט אָנגעצויגן צווישן זיי א שטריקל און האָט אויפגעהאַנגען אויסטריקענען קעטס זאַכן, און קעט האָט אויסגעשטעלט טריקענען דרײַ הילצערנע שיף.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען פארן פרישטיק. זיי האָבן געגעסן פוטער מיט ברויט, פארטרונקען מיט מילך און האָבן פארביסן מיט א פּאָר רעדיסקעס פון פּאָטערס גאָרטן. אַלץ איז געווען א ביסל צעמישט מיט זאַמד, אָבער ס'מאַכט ניט אויס, ס'איז געווען זייער געשמאַק. נאָכן פרישטיק האָט מען זיך געשפּילט.

קיט איז דאָך געווען פארשאָטן מיט זאַמד, האָט ער זיך ניט געקענט רירן. קעט האָט אים צוגעטראָגן שטיינדלעך און מושלען. און ער האָט אויפגעבויט א דאַמבע, און קעט האָט דערבײַ דורכגעגראָבן א קאַנאַל. דערנאָך האָט מען אויסגעמאַכט באַבקעלעך פון זאַמד און זיי געבאַקן אויפן זון.

אזוי האָבן זיך די קינדער געשפּילט, ביז וואַנען פון דאַמבע האָט גענומען לייגן אויפן זאַמד לאַנגע שאָטנס. דער זיידע האָט געזאָגט, אז ס'איז צײַט צו גיין אַהיים.

קעטס זאַכן זײַנען נאָך ניט געווען אינגאַנצן טרוקן, אָבער דער זיידע האָט אים געהאָלפן זיך אָנטאָן, און מען איז געגאַנגען אַהיים.

ווידער דורך דער דאמבע, דורכן פעלד און מיט דעם וועג לענג אויס דעם קאנאל. קעט איז געווען בארוועס, איר איינציקן שוך האט זי געטראגן אין האנט.

דער וועג האט אויסגעזען ווי א געלער באנד, וואס ציט זיך דורך א גרינעם פעלד. די קינדער זיינען געגאנגען לאנגזאם, זיי זיינען געווען מיד, און ס'האט זיך געוואלט שלאפן.

קיט האט דערזען פון ווייטן זייער הויז, און קעט האט באלד דערקענט די מאמען, זי איז געשטאנען לעבן טויער.

דער זיידע האט, ווייזט אויס, דערציילט דער פרוי וועדדער, וואס מיטן צווילינג האט זיך געטראפן ביים ים. זי האט געלייגט ביידן שלאפן, געכאפט קיטס וועש, באמערקט, אז ס'איז נאסלעך, זיך אבער גארניט געוואונדערט און קיין זאך ניט געפרעגט. מערנישט צו קעטן האט זי געזאגט:

— מארגן וועלן מיר אריינגיין צום שוסטער, און ער וועט דיר מאכן א צווייטן שוך.

קיט און קעט האבן ארומגענומען די מאמען, האבן איר געזאגט: „א גוטע נאכט" און זיינען אזוי גיך איינגעשלאפן, אז איך וואלט אפילו ניט באוויזן א פינטל צו טאן מיטן אויג.

מיטן פֿאָטער אויפֿן מאַרק.

איינמאָל נאָך מיטאָג האָבן קיט און קעט זיך געשפּילט לעבן גאַניקל פֿון קיך. די מוטער איז געזעסן דערבײַ אויף אַ בענקל. זי האָט געשניטן ציבעלע צום אָנטבּרויט. ביז אָוונט איז נאָך געווען פֿיל צײַט, אָבער פֿרוי ווערער טוט אָפּ אַלץ וואָס פֿריער.

קיט און קעט האָבן געלערנט שווימען זייערע ענטלעך אין אַ צעבער מיט וואַסער. די ענטלעך האָבן געגאַגערט. ווען קיט האָט זיי גענומען אין די הענט און געזעצט אין צעבער אַרײַן.

— טו דאָס ניט! — האָט זיך געבעטן קעט — די ענטלעך ווילן ניט שווימען, דיר איז דאָך אויך געווען שלעכט, ווען דו ביסט אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער.

— איך בין דאָך ניט קיין ענטל — האָט קיט געענטפֿערט.

— אָבער די ענטלעך ווילן צו זייער מאַמען. לאָמיר בעסער גיין אויפֿן גאָרטן העלפֿן דעם פֿאָטער אָנלאָדן דאָס שיפֿל, וואָס ער פֿירט אויפֿן מאַרק.

— גוט! — רופֿט זיך אָפּ קיט — מאַמע, מע קען?

— יאָ — זאָגט פֿרוי ווערער — בעט דעם פֿאָטער, ער זאָל אײַך אויך מיטנעמען אויפֿן מאַרק. זאָגט אים, אַז איך האָב אײַך געשיקט בעטן וועגן דעם.

— גוט, גוט! — ענטפֿערן שוין ביידע און לויפֿן אויף גיך צום גאָרטן אין זייערע הילצערנע שיך.

דער פֿאָטער נעמט אַראָפּ פֿון די בייטן גרויסע קעפּ קרויט. ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע און פֿאַררויכערט אַ ליולקע.

דער צווילינג לויפֿט צו צו אים.

— טאַטע! — שרײַען ביידע אין איין קול: — מע קען מיטפֿאָרן אויפֿן מאַרק? די מאַמע זאָגט, מיר זאָלן דיך בעטן אונדז מיטנעמען

דער פֿאָטער פֿאַרציט זיך פֿון זײַן ליולקע און שווײַגט.

— מיר וועלן דיר העלפֿן אָנלאָדן דאָס שיפֿל — זאָגט קיט.

— און מיר וועלן ביידע פֿאָלגן — כאַפּט זיך אַרויס קעט.

— גוט — זאָגט סוף-כּל-סוף דער פֿאָטער — מיר וועלן זען, ווי איר אַרבעט! מאָרגן פֿרי וועל איך נאָך זען. אָבער איר מוזט זיך לייגן פֿרי שלאָפֿן, ווײַל אויב איר פֿאָרט מאָרגן מיט מיר, וועט איר

דארפֿן זייער פּרי אויפֿשטיין. נו, און איצט נעמט די קרויט און שלעפּט צום שיפֿל.

דער פּאָטער ווידער האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. קיט און קעט זיינען צוגעלאָפֿן צו דער קופּע קרויט. קעט האָט גענומען איין קאָפּ, און קיט — צוויי. ער האָט געוואָלט ווייזן, סאַר אַ שטאַרקער ער איז.

— ווען דער פּאָטער זאָגט: „איך וועל זען", וועט ער אונדז שוין מיטנעמען. אַלע מאָל ענטפֿערט ער אַזוי — האָט קעט געזאָגט צום ברודער.

איר וווּנדערט זיך אפֿשר, וואָס דער צווילינג קלייבט זיך צו פֿאָרן אויפֿן מאַרק אין אַ שיפֿל? אין האָלאַנד זיינען פֿאַראַן אַ פֿולע קאַנאַלן, ווי אמתע וואַסערוועגן שניידן זיי דורך די פֿעלדער אין אַלע ריכטונגען. די קליינע קאַנאַלן פֿאַלן אַריין אין גרויסע, און די גרויסע פֿליסן אין ים אַריין. אַזוי איז אין גאַנץ האָלאַנד. דערפֿאַר פֿירן די האָלענדישע פּויערים זייערע גרינס צום מאַרק אין שיפֿלעך איבער די קאַנאַלן.

אין האָלאַנד זיינען אַפֿילו אין די שטעט אויך דאָ קאַנאַלן. אַזוי ווי גאַסן שניידן זיי דורך די שטעט, און עס פֿאָרן אויף זיי שיפֿלעך ווי אויף אונדזערע גאַסן אויטאָס און פֿורן.

דער צווילינג און זייער פּאָטער האָבן אַ צייט געאַרבעט. זיי האָבן געוואַשן די גרינס, געלייגט אין קערב און געטראָגן אין שיפֿל. דאָס אַלטע שיפֿל האָט זיך ביז אויבן אָנגעפֿילט מיט קרויט, ציבעלע, בוריקעס, מערן און אַנדערע געשמאַקע זאַכן.

ס'האָט שוין גענומען ווערן פֿינצטער, ווען קיט און קעט זיינען אַוועק אַהיים. די מאַמע האָט אָנגעגרייט פֿאַר זיי מילכזופּ. זיי האָבן דאָס זייער ליב און האָבן אויפֿגעגעסן צו דריי שיסלען. דערנאָך האָט זיי די מאַמע געלייגט שלאָפֿן. זייער בעטל האָט זיך געפֿונען אין וואַנט און האָט אויסגעזען ווי אַ שאַפֿע.

* * *

אויף מאָרגן האָט די מוטער אויפֿגעוועקט דעם צווילינג גאַנץ פֿרי:

— די זון איז שוין אויפֿגעשטאַנען, שטייט אויף, קיט און קעט, אויב איר ווילט פֿאָרן מיטן פּאָטער!

די קינדער זיינען אין איין מינוט אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט ווי צוויי גומענע פּילקעס. זיי האָבן אויף גיך אָפּגעגעסן און זיינען אַוועקגעלאָפֿן צום שיפֿל.

דער פּאָטער איז דאָ שוין געווען. ער האָט זיי געהאָלפֿן אַרייַנקריכן אין שיפֿל. האָט זיי אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און געהייסן

זיצן רויִק. דערנאָך איז ער אַליין אַרײַנגעשפּרונגען אין שיפֿל און האָט עס מיט אַ שטאַנג אָפּגעשטופּט פֿון ברעג.

פֿרוי װעדער איז געשטאַנען אויפֿן ברעג און האָט געקוקט, װי זיי פֿאָרן.

קיט און קעט האָבן דעם גאַנצן װעג געקוקט אויף די ברעגעס פֿון קאַנאַל. ס'איז נאָך געװען גאָר פֿרי. אויפֿן גראָז האָבן געבלישטשעט טראָפּנס טוי. אויף די לאָנקעס האָבן געאַרבעט פּויערים.

די דעכער פֿון די הײַזלעך האָבן געגלאַנצט אויף דער פֿרימאָרגנ־זון. זיי זײַנען געװען פֿון רויטע דאַכװוּקעס. די קינדער האָבן אויך געזען אַ פּולע װינטמילן, װאָס האָבן אָפּגעװאָרפֿן אויף די פֿעלדער לאַנגע שװאַרצע שאָטנס. בלאַנקע בלימעלעך האָבן געשאָקלט מיט די קעפּלעך אויף פֿלאַקספֿעלדער.

דער צװילינג האָט אַפֿילו אין איין אָרט דערזען אַ בושל. אין שנאָבל האָט ער געהאַלטן אַ פֿראָש. ער איז געפֿלויגן צו אַ דאַך, װאָס איז געװען באַװאַקסן מיט אַ גרינעם מאָך. דאָרטן איז געװען זײַן נעסט.

עטלעכע מאָל איז דאָס שיפֿל דורכגעשװוּמען אונטער בריקן און אַ פּאָר מאָל אַזוי נאָענט צו די הײַזלעך אויפֿן ברעג, אַז קיט און קעט האָבן געזען די װײַסע פֿאָרהענגלעך, די װאַזאָנעס אויף די פֿענצטער. אין איין הויז איז די פֿאַמיליע געזעסן בײַם פֿרישטיק, און די קינדער האָבן געמאַכט מיט די הענט צו קיטן און קעטן.

זיי האָבן אָנגעטראָפֿן נאָך אַזוינע שיפֿלעך װי זייערע, אָנגעלאָדענע מיט גרינסן און בלומען. אַלע זײַנען געשװוּמען אין שטאָט אַרײַן. מערנישט קיין צװייטן צװילינג האָבן זיי אויף קיין שיפֿל ניט געזען.

װען זיי זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן אין שטאָט, זײַנען שוין אין קאַנאַל געװען זייער פֿיל שיפֿלעך. מע האָט הילכיק גערעדט און זיך איבער־געשריען. קיט און קעט האָבן זיך ניט געקענט אָנקוקן אויף אַ גאַנץ גרויסן באָט מיט אַ קאַיוטע און אַן אייבערדעק—אַ שװימענדיק הויז. אָ, װאָלטן זיי געװאָלט װוינען אין אַזאַ הויז, שװימען פֿון שטאָט צו שטאָט און אַלץ זען נײַע ערטער! און אין שול װאָלט מען אויך גאָר נישט געדאַרפֿט גיין...

דער פֿאָטער האָט זיי געהייסן שװײַגן און זיצן גאָר רויִק.

פֿון בײדע זײַטן קאַנאַל האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות הײַזער. אויף די טראָטואַרן זײַנען אַרומגעגאַנגען מענטשן און האָבן געקלאַפּט מיט זייערע הילצערנע שיך.

* * *

דער מאַרק איז געווען אין מיטן שטאָט אויף אַן אָפֿענעם פּלאַץ. אַרום און אַרום זײַנען געווען בײַדלעך און טישלעך. אויף זיי זײַנען געלעגן גאַנצע בערג גרינסן און אַנדערע זאַכן.

קיט און קעט האָבן געהאָלפֿן דעם פּאָטער אויסלאָדן דאָס שיפֿל. דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט אויף אַן איבערגעקערטן ליידיקן קאַסטן. זיי האָבן שוין געוואָלט עסן. דער פּאָטער האָט זיי געגעבן צו גרויסע פּענעצן ברויט מיט קעז. זיי האָבן געקײַט און געקוקט, וואָס עס טוט זיך אויפֿן מאַרק. דאָ זײַנען געווען אַזוי פֿיל מענטשן, איבערהויפּט פֿרויען מיט קערבלעך אין די הענט. איין פֿרוי, אַ דיקע, מיט גאָר אַ גרויסן קאָרב, האָט זיך אפילו אָפּגעשטעלט ריידן מיט קיטן און קעטן. זי האָט גלײַך געזען, אַז זיי זײַנען אַ צווילינג. זיי האָבן איר דערציילט, אַז זיי איז שוין געוואָרן פֿינף יאָר, אַז מע וועט זיי רופֿן קריסטאָפֿאָר און קאַטרינאַ, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן. געקומען זײַנען זיי אַהער מיט זייער פּאָטער. זיי העלפֿן אים פֿאַרקויפֿן גרינס.

די פֿרוי האָט געהייסן פֿרוי וואַנדערקל[illegible]ט.

— פֿאַרקויפֿט מיר אַ קאָפּ קרויט און צ[illegible] ציבעלעס—האָט זי געזאָגט צום צווילינג.

פּאָטער וועדער איז געווען זייער צופֿרידן. זײַנע אויגן האָבן גע־שטראַלט און פֿון דער ליולקע האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ געדיכטן וואָלקן רויך.

קיט האָט דערלאַנגט דער פֿרוי אַ קאָפּ קרויט.

— און דו גיב צען ציבעלעך—האָט קיט געזאָגט צו זײַן שוועסטערל.

מע מוז זאָגן דעם אמת, אַז קיט האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט ניט קענען ריכטיק אָפּציילן צען ציבעלעך; דערפֿאַר האָט ער געהייסן, קעט זאָל דאָס טאָן.

אָבער קעט האָט זיך גאָרניט פֿאַרטראַכט. זי האָט גענומען אַ הויפֿן ציבעלעך, דערלאַנגט דער פֿרוי וואַנדערקלאָט און געפֿרעגט:

— דאָס איז צען?

פֿרוי וואַנדערקלאָט האָט איבערגעציילט. עס זײַנען געווען עלף ציבעלעך. האָט זי איינע אַוועקגעגעבן צוריק. דערנאָך האָט זי באַצאָלט קעטן פֿאַר די ציבעלע און קיטן פֿאַר די קרויט.

—נו, קיט און קעט—האָט אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט דער פּאָטער— אויב אײַך ווילט זיך עסן, גייט צו צו פֿרוי וואַנדערקלאָטס קרעמעלע. זי פֿאַרקויפֿט אַלערליי גוטע זאַכן.

— אַך! — האָבן אויסגעשריען קיט און קעט — מיר זײַנען אַזוי הונגעריק! מיר קענען שוין גיין צו איר?

ניין—האָט דער פאָטער געענטפערט — איר דאַרפט נאָך אַרבעטן אַ ביסל.

די קינדער האָבן נאָך לאַנג געהאָלפן דעם פאָטער. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ציילן ביז צען און זיך דערוווּסט נאָך אַפּולע נוצלעכע זאַכן. דאַן האָט זיי דער פאָטער געגעבן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר די קרויט און די ציבעלע, און האָט זיי דערלויבט צו גיין אויפן מאַרק און זיך עפּעס קויפן.

קיט און קעט האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און זײַנען אַוועק, האַלטנדיק אין דער צווייטער האַנט דאָס קליינגעלט, וואָס דער פאָטער האָט זיי געגעבן.

אויפן מאַרק האָבן זיי געזען אַ פולע אינטערעסאַנטע זאַכן: גאַנצע בערג בלומען און שטײַגעלעך, וווּ עס האָבן הילכיק געזונגען פייגעלעך. די אין איין שטײַגעלע זײַנען געזעסן אויף איין שטענגעלע פינף קליי-נינקע פייגעלעך.

— קיט! — האָט זיך אָפּגערופן קעט—לאָמיר קויפן די פייגעלעך.

זיי האָבן אָבער געקאָסט צו טײַער.

זיי האָבן געזען שטײַגלעך מיט ענטלעך, טישלעך מיט פליישפיש, פורן מיט האָלץ און טאָרף. אַלץ אַזוינע זאַכן, וואָס זיי דאַרפן ניט. אָבער באַלד האָבן זיי דערזען די דיקע פרוי וואַנדערקלאָט. זי האָט שוין פון ווײַטן גענומען שמייכלען צו זיי. אויף איר טיש זײַנען געווען קיכלעך, פוטערקיכלעך, שאָקאָלאַד און נאָך אַזוינע גע-שמאַקע זאַכן.

דער צווילינג האָט איר דערלאַנגט דאָס געלט. מער פון אַלץ האָט זיך קיטן און קעטן געוואָלט קויפן אַ פּאָפּקע פון לעקעך, וואָס די אייגעלעך זײַנען בײַ איר געווען פון ראָזינקעס.

— וויפיל קאָסט די פּאָפּקע? האָט קעט געפרעגט—צוויי סענט?

— ניין, האָט געענטפערט פרוי וואַנדערקלאָט — אַ פּאָפּקע קאָסט איין סענט.

די קינדער האָבן זיך פאַרטראַכט. זיי האָבן צוויי סענט. זיי האָבן נאָך דערווײַלע ניט געזען נאָך איין זאַך, וואָס זאָל קאָסטן צוויי סענט. אָבער קיט האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז אויב אַ פּאָפּקע קאָסט איין סענט, קענען זיי פאַר צוויי סענט קויפן צוויי פּאָפּקעס.

— קיט! אויב דו וועסט קויפן פאַר דײַנע צוויי סענט צוויי פּאָפּקעס, איז וואָס וועט זײַן מיט מײַנע צוויי סענט? — האָט קעט גע-פרעגט.

ווייסט וואָס, האָט קיט געענטפערט: — קויף דו צוויי פּאָפּקעס

און איך וועל אויך קויפן צוויי פּאַפּקעס. וועסטו איין פּאַפּקע געבן דער מאמען, און איך וועל געבן דעם טאַטן.

קעט האָט זיך זייער דערפרייט און זי האָט געזאָגט:

— פרוי וואנדערקלאָט, גיט מיר איין פּאַפּקע פאר מיר און איינע פאר דער מאמען, איינע פאר קעטן און איינע פארן טאטן.

פרוי וואנדערקלאָט האָט זיי געגעבן פיר פּאַפּקעס און נאָך איינע. זיי האָבן זיך זייער דערפרייט, גלייך גענומען עסן די פינפטע פּאַפּקע און זיינען אוועקגעלאָפן צום פאָטער. ער האָט שוין באוויזן צו פאר-קויפן גאָר די גרינס און האָט זיך געקליבן צו פאָרן אהיים.

דער צווילינג האָט געהאָלפן צוטראָגן די ליידיקע קערב צום שיפל. דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט אויף איין בענקעלע און האָבן פעסט געהאלטן זייערע פּאַפּקעס. די לעקעכלעך זיינען געוואָרן ווייך און קלעפּיק.

דאָס שיפל איז איצט געווען גרינגער, און דערפאר זיינען זיי געפאָרן גיכער.

די מוטער האָט שוין געוואַרט אויף זיי לעבן טויער פון זייער הויז.

מע האָט זיך געזעצט צום טיש עסן מיטאָג. די קינדער האָבן אוועקגעלייגט אין רעכטן מיט זייערע פּאַפּקעס, און קיט האָט געזאָגט:

— איין פּאַפּקע איז פאר מיר, איינע—פאר קעטן; איינע פאר דיר, מאמע, און איינע פאר דיר, טאטע!

— מאמע — האָט זיך אָפּגערופן קעט — דו ווייסט, קיט איז אזא קלוגער! דאָס האָט ער אליין בארעכנט, וויפיל פּאַפּקעס מיר קענען קויפן פאר אונדזער געלט.

— גוט, האָט די מאמע געזאָגט:—אז קיט וועט אויסוואקסן, וועט ער אלע מאָל פאָרן מיטן טאטן אויפן מארק.

— איך אויך!—האָט זיך געבעטן קעט.

— ניין — האָט די מאמע געענטפערט — דו וועסט מיר העלפן ארבעטן אין הויז.

אַ טאָג מיט דער מאַמען.

אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי די קינדער זײַנען געפֿאָרן אויפֿן מאַרק מיטן פֿאָטער, האָט כּרוי ווידער געזאָגט:

— אָ, איז דאָס נעכטן געווען אַ לאַנגער טאָג, אַז איר זײַט ניט געווען אין דער היים!

קעט האָט אַרומגענומען די מאַמען.

— הײַנט וועלן מיר זײַן דעם גאַנצן טאָג מיט דיר, מאַמינקע — האָט קעט געזאָגט — אֱמֶת, קיט?

— יאָ — האָט קיט געענטפֿערט און האָט אויך אַרומגענומען די מאַמען.

— און מיר וועלן דיר העלפֿן אַזוי, ווי מיר האָבן געהאָלפֿן דעם פֿאָטער! — האָבן בײדע אויסגעשריען.

— אָט דאָס איז גוט! — האָט די מאַמע געזאָגט: — הײַנט קומט צו אונדז די באָבע, און איך וויל אײַך גוט אויסוואַשן און צוקלײַבן די שטוב פֿאַר איר. דערווײַלע גײ איך אויף דער לאָנקע מעלקן די קי. קומט מיט, וועט איר אָפּטרײַבן די פֿליגן פֿון דער בהֵמה.

פֿרוי ווערדער האָט מיטגענומען אַ ליידיקן עמער און אַ קופּערנעם קרוג. קעט האָט מיטגעטראָגן אַ קלײן עמערל, און קיט האָט געהאַלטן עטלעכע צווײַגן אויף צו טרײַבן די פֿליגן.

זיי האָבן געדאַרפֿט גיין אויף דער אַנדער זײַט פֿון קאַנאַל איבער אַ קלײנעם בריקל אָן פּאַרענצעס.

— אוי, מאַמע, האָב איך מוֹרא! — האָט קעט געזאָגט קוקנדיק אויפֿן וואַסער.

קיט האָט ניט מוֹרא געהאַט. ער איז געגאַנגען פֿאַרויס. נאָך אים — קעט, און פֿון הינטן — די מאַמע.

— אַז איך וועל זײַן אַ גרויסער, וועל איך זיך אָנשפּאַרן אויף אַ שטעקן און וועל אַריבערשפּרינגען איבער דעם קאַנאַל — האָט זיך קיט באַרימט.

— סאַר אַ כוואַט דו ביסט! — האָט זיך אָפּגערופֿן קעט. — איך בין ניט אַזאַ. איך וואָלט מוֹרא געהאַט. די שיך זאָלן ניט אַרײַנפֿאַלן אין וואַסער.

אויף דער לאַנקע האָט שוין די קו געוואַרט אויף זיי. די מאַמע האָט זיך געזעצט אויף אַ קליין בענקעלע, און דער צווילינג האָט גע-פּאַכעט מיט די צווײַגן און געשריען אויף די פליגן:

— קיש, קיש!..

די קו האָט זיך אָנגעגעסן מיט זאַפטיקע גראָז, און די מאַמע האָט אָנגעמאָלקן אַ פולע מילך אין גרויסן עמער, אין קרוג און אין קליינעם עמערל.

— אַזוי פיל מילך! — האָט די מאַמע געזאָגט — מיר וועלן שוין קענען מאַכן קעז און פּוטער. אָ, אין ערגעץ גיבן די קי ניט אַזוי פיל מילך ווי בײַ אונדז אין האָלאַנד.

— מאַמע, מיר וועלן דיר העלפן אויסשלאָגן פּוטער! — האָט זיך געבעטן דער צווילינג.

— יאָ, האָט די מאַמע געענטפערט — אויב איר וועט נאָר וועלן גוט אַרבעטן.

אויסגעמאָלקן די קו, האָט די מאַמע גענומען דעם פולן עמער מיטן קרוג. קיט האָט געטראָגן דאָס עמערל, און מע איז געגאַנגען אַהיים.

אויפן וועג האָבן זיי דערזען אַ פּאָר גענדז מיט זעקס קליינע גענדזעלעך.

איינע איז געווען זייער אַלטע גאַנדז, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן. די האָט באַהאַלטן אירע אייער און האָט אויסגעבריט זעקס גענדזעלעך. איצט האָט זי געפירט אירע קינדערלעך שווימען אויפן קאַנאַל.

— קיט — האָט די מאַמע געזאָגט: — גיכער טרײַב זיי אַהיים. לאָז זיי ניט צו צום וואַסער.

קיט איז דרייסט געלאָפן אַנטקעגן די גענדז, קעט — נאָך אים.

די אַלטע גאַנז האָט זיך געשראָקן פאַר אירע קינדערלעך. זי האָט גענומען בייז גאַגערן, האָט פונאַנדערגעלאָזן די פליגלען און מיט אַן אָפענעם שנאָבל זיך געוואָרפן אויף די קינדער.

אוי, האָט זיך קעט דערשראָקן! זי האָט זיך אָפגעשטעלט אַזוי ווי אַ פאַרשטיינערטע און אָנגעהויבן שרײַען.

קיט האָט זיך אויך דערשראָקן. ער האָט געפּאַכעט מיט די צווײַגן און געשריען: — קיש, קיש!

פרוי וועדער איז צוגעגאַנגען צו די גענדז פון הינטן און האָט זיי גענומען טרײַבן מיט איר פאַרטוך. די גענדז מיט די גענדזע-לעך האָבן זיך פאַרקירעוועט און געמוזט גיין צום הויז. זיי האָבן נאָך אַלץ בייז געגאָגערט.

די געגדז מיט די געגדזעלעך האָט מען אַרײַנגעלאָזן אין אַ שטעלכל. די פרישע מילך האָט מען דערווײַלע אַראָפּגעטראָגן אין קעלער. דערנאָך האָט די מאַמע גענומען די קאַלאַטײַקע, גוט אויסגעבריט זי מיט קאָכעדיקן וואַסער, אָנגעגאָסן אין איר שמאַנט, צוגעדעקט מיטן דעקל, וואָס אין מיטן האָט עס געהאַט אַ רונדע לעכל; אין לעכל האָט זי אַרײַנגעשטעלט אַ גלאַטן שטעקל.

— נו, קיט און קעט, איצט קענט איר אויסשלאָגן פּוטער. לאָמיר זען, בײַ וועמען וועט אַרויסקומען גיכער און בעסער — האָט די מאַמע געזאָגט.

קעט האָט זיך די ערשטע גענומען פאַר דער אַרבעט, און קיט האָט זיך געזעצט וואַרטן אויף אַ קליין בענקעלע.

קעט האָט געדרייט און געקלאַפּט מיטן שטעקל, די שמאַנט האָט זיך געפּלוסקעט, און פון לעכל זײַנען געפלויגן קליינע טראָפּעלעך. קעט האָט געהאָרעוועט, ביז וואַנען די הענט האָבן בײַ איר גענומען וויי טאָן.

דאַן האָט זיך קיט גענומען פאַר דער אַרבעט. די שמאַנט האָט זיך געשלאָגן, און קיין פּוטער איז נאָך אַלץ ניט געווען.

קעט האָט ווידער איבערגענומען בײַ איר ברודערל די קאַלאַטײַקע.

— פּוטער, פּוטערל באַווײַז זיך! — האָט זי צוגעזונגען קלאַפּנדיק מיטן שטעקל.

ווען די מאַמע האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל, איז אין קאַלאַטײַקע טאַקע געלעגן אַ שטיק געלע פּוטער. זי האָט עס אַרויסגענומען און די קינדער האָט זי אָנגעגאָסן צו טעטעלעך פון דעם, וואָס איז איבערגעבליבן אין קאַלאַטײַקע.

— איצט דאַרף מען אויפראַמען די שטוב — האָט פרוי וועדער געזאָגט.

זי האָט גוט צעקלאַפּט די פּערענעס און די קישנס און פאַרבעט די בעטן, אָפּגעווישט דעם שטויב פון די מעבל. קעט האָט געהאָלפן ווישן, און קיט האָט דערווײַלע אַרויסגעטראָגן אויפן הויף די קופּערנע טעפּ און די פּאַנען. אַלע דרײַ האָבן זיי געשײַערט די כּלים מיט זאַמד, ביז אַלץ האָט גענומען בלאַנקען ווי אַ שפּיגל.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען פאַרן קאָכן מיטאָג.

קיט איז אַוועק אויפן גאָרטן נאָך קרויט, און קעט האָט דערווײַלע אײַנגעהייצט דעם אויוון.

דער אויוון איז געווען זייער אַ שיינער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ טיש אָדער אַ פּליטע און איז געווען אויסגעלייגט פון הימלבלויע קאַכליעס. אויף די קאַכליעס זײַנען געווען אָנגעמאָלט שיפעלעך. איבער דער פּליטע איז געווען אַ פּאָליצע מיט טעלער. פון דער פּאָליצע

זײַנען אָרָאָפּגעהאַנגען שטעלעכע קייטעלעך מיט האָקנס. אויפֿן קיך זײַנען געלעגן קוילן. קעט האָט אַ בלאָז געטאָן מיט אַ בלאָזאַק, און די קיילכעלעך האָבן אויפֿגעפֿלאַמט. אויף אײנער פֿון די קייטעלעך איז געהאַנגען אַ קעסעלע. קעט האָט אָנגעגאָסן אין אים וואַסער. די מאַמע האָט אַרײַנגעלייגט אַהין קרויט און קאַרטאָפֿל. און דאָס וואַסער אין קעסעלע האָט אָנגעהויבן היימלעך צו קאָכן.

דערווײַלע האָט פֿרוי וועדער אויסגעוואַשן דעם פֿענצטער און די דילן; דערנאָך האָט זי ריין פֿאַרקערט דעם הויף און אַרײַנגערופֿן דעם טאַטן און די קינדער עסן.

— טוט אויס די הילצערנע שיך און לאָזט זיי אויפֿן גאַניקל — האָט זי געזאָגט — איר זאָלט ניט אײַנטרעטן די ריינע דילן.

נאָך מיטאָג איז מען געגאַנגען באַגעגענען די באָבען. זיי זײַנען דערגאַנגען כמעט ביז דער שטאָט. פֿון ווײַטן שוין האָבן זיי דערזען די באָבען מיט אַ קערבעלע אויף דער האַנט.

קיט און קעט האָבן געפּרוּווט טרעפֿן, וואָס אין קערבל איז געווען: האָניקלעקעך, צוקערקעס, געשמאַקע קיכלעך מיט ראָזינקעס?

קיט און קעט האָבן אַ בליק געטאָן אין קערבל. אָבער זיי האָבן קיין זאַך ניט געבעטן.

די באָבע האָט געזאָגט:

— פֿאַרנאַכט צום טיי וועל איך אײַך עפּעס געבן.

— איך קען זיך קוים אײַנהאַלטן ניט צו בעטן — האָט קעט אין דער שטיל געזאָגט צום ברודער.

— איך אויך! — האָט קיט שטיל געענטפֿערט.

קיט און קעט האָבן געוויזן דער באָבען די געבנדז מיט די געגנדזע־לעך, און די מאַמע האָט איר געוויזן די כוטער, וואָס דער צווילינג האָט אויסגעשלאָגן.

— ווי ריין בײַ אײַך איז! ווי עס בלאַנקען די קופּערנע כּלים! — האָט די באָבע זיך געוווּנדערט.

— דאָס האָבן מיר קיט און קעט געהאָלפֿן — האָט די מאַמע באַמערקט.

אֶפֿשר איז שוין צײַט צו פֿאַרזוכן דעם האָניקלעקעך? — האָט די באָבע געזאָגט?

דערווײַלע האָט די מאַמע אויפֿגעקאָכט טיי און אָנגעגאָסן אין די שענסטע כינעזישע טעסעלעך, וואָס זי האָט געהאַט.

קיט און קעט האָבן שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. עס האָט זיך אַזוי געוואָלט פֿאַרזוכן דעם לעקעך! גוט וואָס די באָבע האָט זיי דערלאַנגט איטלעכן צו גרויסע שטיקער; ווען ניט, וואָלטן זיי שוין אַליין געבעטן.

נאָכן טיי האָט די באָבע גענומען שטריקן, און די מאַמע שפּינען.

— וויפיל שטיקער לײַוונט האָסטו שוין אָנגעגרייט פאַר קעטן? — האָט די באָבע געפרעגט.

— איך האָב שוין פיר שטיקער — האָט די מאַמע באַוויזן ווײַסע לײַוונטן, איבערגעבונדענע מיט בלויע בענדעלעך.

— דאָס איז אַלץ פאַר מיר? — האָט קעט געפרעגט.

— יאָ. — האָט די מאַמע געזאָגט — ווען דו וועסט דאַרפן חתונה האָבן, וועט שוין די שאַפע זײַן פול מיט לײַוונט פאַר דיר.

— און פאַר קיטן? — האָט קעט געפרעגט.

— פאַר קיטן ניט—האָט די באָבע זיך צעלאַכט—ער וועט באַקומען לײַוונט פון זײַן כּלה.

קיט און קעט זײַנען אַרויס אויפן הויף. זיי האָבן עפּעס ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס די מאַמע און די באָבע מיינען מיטן חתונה האָבן.

— דו ווייסט וואָס, קיט? איך וויל גאָרניט חתונה האָבן — האָט קעט געזאָגט צום ברודער — איך וועל בעסער בלײַבן אין דער היים מיט דער מאַמען, מיטן טאַטן, מיט דיר און מיט אונדזערע גענדזועלעך.

אָבער וואָס וועט מען דאַן טאָן מיט דעם לײַוונט? — האָט קיט געפרעגט.

—ניין, איך מיין, אַז דו וועסט מוזן חתונה האָבן—האָט ער צוגעגעבן.

קעט האָט אָנגעהויבן וויינען.

— לאָמיר גיין פרעגן די מאַמען. איך וויל אויך ניט חתונה האָבן— האָט קיט געטרייסט די שוועסטער.

דער צווילינג איז אַרײַן אין שטוב צו דער מאַמען און דער באָבען.

— מאַמע! מיר ווילן ניט חתונה האָבן! דערלויב, מיר זאָלן ניט חתונה האָבן—האָבן זיי גענומען שרײַען שוין פון דער ווײַטן.

זי מאַמע האָט אַ פאַרוווּנדערטע געקוקט אויפן צווילינג.

— גוט — האָט זי געזאָגט — איך זאָג אײַך צו, אַז איר וועט ניט חתונה האָבן, ביז וואַנען איר וועט ניט אויסוואַקסן ביז אָנדערהאַלבן מעטער די הייך. און ביז וואַנען מע וועט אײַך ניט נעמען רופן קריסטאָפאָר און קאַטרינאַ.

דער צווילינג האָט זיך באַרויִקט. זיי זײַנעןווידער אַרויס אויפן הויף און גענומען קאָרמענען די גענדזועלעך.

דערווײַל איז נאַכט געוואָרן. און זיי האָבן באַגלייט די באָבען ביזן בריעג.

ווען די מאַמע האָט זיי געלייגט שלאָפן, האָט קעט געפרעגט:

— הײַנטיקער טאָג איז דיר שוין ניט אויסגעקומען אַזוי לאַנג ווי נעכטיקער, מאַמינקע?

— געוויס! — האָט פרוי װעדער געענטפערט — איר האָט דאָך מיר ביידע אַזוי פיל געהאָלפן.

די מאַמע איז אַרויס פאַרמאַכן די הינדעלעך.

— קעס! — האָט געזאָגט קים: — דו ווייסט, אָן אונדז וואָלטן זיי גאָרניט געקענט אויסקומען, די מאַמע און דער טאַטע.

— ניין, איך מיין... — האָט קעס געענטפערט — און ביי דעם וואָרט איז זי איינגעשלאָפן.

ווי אַזוי דער צווילינג האָט פאַרבראַכט זונטיק.

ס'איז געווען זונטיק. קיט און קעני האָבן זיך אויפגעכאַפּט. זיי האָבן אָפּגעצויגן דעם פאָרהאַנג, וואָס איז געווען לעבן זייער בעט, און האָבן זיך אײַנגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אויף דער ווײַסער וועלט.

די זון האָט פרייליך אַרײַנגעשײַנט דורך די קליינע פענצטערלעך.

דאָס וואַסער האָט געקאָכט אין קעסעלע אויף דער פּליטע. דער פאָטער איז געזעסן לעבן פענצטער אין זײַן יאָנטעוודיקן רעקל און האָט געראויכערט אַ ליולקע. ניט קוקנדיק אויפן צווילינג האָט ער אויפן קול געזאָגט אַזוי ווי צו זיך אַליין:

— אויב אויף דער וועלט זײַנען פאַראַן אַזוינע קינדער, וואָס ווילן גיין מיט מיר צו גאַסט צום זיידן און צו דער באָבען, וואָלטן זיי זיך געדאַרפט גיכער אָנטאָן און אָפּעסן פרישטיק.

קיט און קעט זײַנען אין אַ מינוט אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. די מאַמע האָט זיי געהאָלפן זיך אָנטאָן. מע האָט זיך אויסגעפוצט אין די שענסטע קליידער. קיט איז געווען איבערגליקלעך, וואָס אין זײַנע לאַנגע סאַמעטענע הויזן זײַנען געווען קעשענעס. די הילצערנע שיך זײַנען געבליבן שטיין אין פאָרהויז. הײַנט האָט מען אָנגעטאָן וואַרעמע זאָקן און שטאַרקע לעדערנע שיך.

די קינדער האָבן אָפּגעגעסן ברויט מיט מילך און זײַנען אַוועק מיטן פאָטער. באַלד זײַנען זיי געקומען צו אַ ווינטמיל. די גרויסע פליגלען האָבן זיך פּאַמעלעך געדרייט און אונטערגעסקריפּעט. דעם צווילינג האָט זיך געדאַכט, אַז די מיל זינגט אונטער.

— טאַטע—האָט קעט געפרעגט — צו וואָס בויט מען ווינטמילן?

אויף איטלעכן טריט האָבן קיט און קעט אַלץ געפרעגט דעם פאָטער: „צו וואָס?“ און „פאַרוואָס?“

— דו ווייסט ניט, צו וואָס מע דאַרף די ווינטמילן? — האָט זיך דער פאָטער געוווּנדערט.—זיי פּאָמפּען אויס דאָס וואַסער פון אונדזערע פעלדער. דו האָסט דאָך געזען, ווי דאָס וואַסער פאַרפלייצט אונדזערע פעלדער אין פרילינג. אויב מע זאָל דאָס וואַסער ניט אויספּאָמפּען, וועלן פון די פעלדער ווערן זומפּן, און מיר וואָלטן שוין ניט געהאַט ניט קיין סעדער און ניט קיין גערטנער.

— און ווי קען דאָס דער ווינט אויספּאָמפּען דאָס וואַסער? — האָט קעט ווידער געפרעגט.

— דער ווינט בלאָזט און דרייט די פליגלען פון דער מיל, און די פליגלען טרייבן די פּאָמפּע, וואָס ציט אויס דאָס וואַסער און טרייבט עס אַריין דורך רערן אין די קאַנאַלן. ווען מיר וואָלטן נים געהאַט קיין ווינטמילן, וואָלט דאָס וואַסער פאַרפלייצט גאַנץ האָלאַנד.

— מע קען דאָך פאַרהאַלטן דאָס וואַסער מיט דאַמבעס, (גרויסע אָנגעשאָטענע ווענט) — האָט קיט געזאָגט.

— אַ דאַמבע אַליין איז ווייניק. און די דאַמבעס מוז מען היטן טאָג און נאַכט. אויב אין אַ דאַמבע זאָל ווערן אַ קליין לעכל, קען שוין דורכגיין אַ סך וואַסער. דאָס קלענסטע לעכל מוז מען גלייך פאַרמאַכן. אויב ניט, וועט דאָס ווערן אַלץ גרעסער — האָט דער פּאָטער דערקלערט.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען אַזוי נאָענט פון דער מיל, אַז דער ווינט, וואָס האָט באַוועגט די גרויסע פליגלען, האָט צעבלאָזן די האָר אויף קעטס קאָפּ. איין פליגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן גאַר נידעריק, ביז צו דער ערד כמעט. קיט האָט אַ שפּרונג געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן פליגל מיט דער האַנט. דער פליגל האָט זיך אויפגעהויבן, מיט־שלעפּנדיק מיט זיך קיטן. אין איין רגע איז שוין דער יינגל געהאַנגען אין דער לופטן.

— שפּרינג, שפּרינג וואָס גיכער אַראָפּ! — האָט געשריען צו אים דער פּאָטער.

קיט האָט אָפּגעלאָזן דעם פליגל און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. ס׳איז געווען גוט, וואָס ער האָט דאָס באַוויזן צו טאָן באַצייטנס. אויב ניט, וואָלט אים דער פליגל איבערגעקערט הויך אין דער לופטן. ער איז געבליבן זיצן אויף דער ערד, און דער פּאָטער האָט אָפּגע־שטויבט זיינע סאַמעטענע הייזלעך.

— דו זאָלסט קיינמאָל אַזוינס ניט טאָן! — האָט דער פּאָטער שטרענג געזאָגט.

קיט איז געווען זייער צעשראָקן. אויסער דעם האָט ער זיך פאַלנדיק אָפּגעשלאָגן. ער האָט שטיל געענטפערט.

— גוט, פּאָטער, איך וועל דאָס מער ניט טאָן.

זיי האָבן אַריינגעקוקט אין דער אָפענער טיר פון דער מיל און געזען, ווי די פּאָמפּע אַרבעט.

— לאָמיר זיך זעצן אין דער רעכטער זון אויפן ברעג פון קאַנאַל — האָט דער פּאָטער פאָרגעלייגט — און איך וועל אייך דערציילן, ווי אַזוי האָלאַנד איז געוואָרן אַזאַ לאַנד ווי איצט! מיר האָבן לאָנקעס מיט בעדיכטע און זאַפטיקע גראָזן. דערפאַר גיבן אונדזערע קי מער מילך

ווי אין אַנדערע לענדער. אונדזערע פּוטער און קעז זײַנען באַרימט אומעטום.

— די מאַמע זאָגט אויך אַזוי — האָט זיך אָפּגערופן קעט.

— ס'איז אַמאָל געווען אַ צײַט, — האָט דער פאָטער אָנגעהויבן צו דערציילן — ווען האָלאַנד איז אפילו אויף דער וועלט ניט געווען. איין טייל איז געווען דער גרונט פון ים, און דאָס איבעריקע איז געווען ווילדע זומפּן. אָבער די מענטשן האָבן זיך געראַנגלט מיטן ים. זיי האָבן אויסגעבויט אויף זײַנע ברעגעס הויכע ווענט = דאַמבעס, אויסגעגראָבן קאַנאַלן, אויסגעפּאָמפּעט דאָס וואַסער פון די פעלדער, און דערפון האָט זיך די ערד אויסגעטריקנט. דאָס איז געווען אַ שווערע און געפערלעכע אַרבעט. אַ פולע מאָל האָט דער שטורמישער ים דורכגעריסן די דאַמבעס און ווידער פאַרגאָסן דאָס לאַנד. אָבער די מענטשן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אַלץ געאַרבעט, זיך אַלץ געראַנגלט מיטן ים, ביז וואַנען זיי האָבן אים אײַנגענומען. דערפאַר איז דאָך האָלאַנד דאָס לאַנד פון די געוואַגטע, וואָס שרעקן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ.

— איך בין דאָך אויך פון האָלאַנד — האָט קעט געזאָגט — אָבער איך האָב מורא פאַר שפּינען און גרויסע גענדז, און נאָך מער האָב איך מורא אַרײַנצופאַלן אין וואַסער.

— איר האָט זיך אָפּגערוט, טאָ קומט ווײַטער — האָט דער פאָטער געזאָגט.

באַלד האָבן זיי געטראָפן דעם זיידן און די באָבען. ביידע זײַנען געווען אויסגעפּוצט. דער באָבעס ווײַסע היטל אויפן קאָפּ איז געווען אַזוי שיין!

— קומט — האָט די באָבע געזאָגט — איר וועט נעכטיקן בײַ אונדז, און מאָרגן פרי וועט איר צוזאַמען מיטן זיידן פונאַנדערפירן מילך אין וועגעלע. קיט וועט אָנטרײַבן די הינט.

קיט האָט פאַר פרייד אָנגעהויבן צו שפּרינגען.

— איך וויל אויך! — האָט קעט זיך געבעטן.

— דו וועסט פאָרן אין וועגעלע — האָט צוגעזאָגט די באָבע.

— זאָל שוין גיכער זײַן מאָרגן! — האָבן ביידע אויסגעשריען מיטאַמאָל.

דער זיידע און די באָבע האָבן געוווינט אין עק שטאָט אין אַ שמאָלער געסעלע. דאָס הויז איז געווען פון ציגל.

די באָבע האָט געדעקט דעם רונדן טיש אין קיך. מע האָט געטרונקען קאַווע און צוגעביסן מיט קליינינקע געשמאַקע פּוטערקיכלעך. איך האָב ניט געציילט, וויפיל קיט און קעט האָבן אויפגעגעסן.

אָבער די באָבע האָט דערלאַנגט אַ פולן טעלער און אַראָפּגענומען אַ ליידיקן.

נאָכן עסן האָט די באָבע געוואַשן די כּלים און דער צווילינג האָט איר געהאָלפן. דערנאָך האָט זיך דער זיידע געזעצט אויפן גאַניקל. די קינדער האָבן אים געבראַכט זײַן גרויסן האַרמאָניק. ער האָט אויסגעשפּילט פאַר קיטן און קעטן גאַנצע זעקס לידער.

ניט ווײַט פון זיידנס שטוב איז געווען אַ וועלדל. דאָרטן האָט געשפּילט מוזיק. מענטשן האָבן אַרומגעשפּאַצירט.

קיט און קעט זײַנען אויך געגאַנגען אַהין מיט דער באָבען און מיט דעם זיידן. זיי זײַנען לאַנג געשטאַנען לעבן אָרקעסטער און האָבן אונטערגעזונגען, ווײַל מע האָט געשפּילט באַקאַנטע לידער.

מאָרגן האָט דער צווילינג געדאַרפט אויפשטיין גאַנץ פרי. די באָבע האָט זיי דערפאַר געלייגט פרי שלאָפן. קיט און קעט האָבן שוין אָנגעהויבן צו דרעמלען, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ טומל אויף דער גאַס.

— טוק! טוק! טוק! — האָט מען אויסגעקלאַפּט אַכט מאָל.

— דאָס איז דער נאַכטוועכטער — האָט די באָבע דערקלערט דעם צווילינג — אַכט אַ זייגער. שוין צײַט זיך צו לייגן שלאָפן.

ווי אַזוי דער צווילינג פירט פונאַנדער מילך.

אויף מאָרגן האָבן זיך קיט און קעט אויפגעכאַפּט זייער פרי, נאָך פריער ווי מע האָט זיי אויפגעוועקט. זיי האָבן מורא געהאַט צו פאַרשלאָפן און ניט צו באַוויזן מיטפאָרן מיטן זיידן. אָבער דער זיידע האָט נאָך ניט צוגעגרייט די מילך־קריג. די קינדער האָבן זיך אָנגעטאָן אָן אײַלעניש און די באָבע האָט געמאַכט פרישטיק.

דער באָבעס קיך איז נאָך געווען אַ בעסערע ווי בײַ זיי אין דער היים. דער אויוון איז געווען אויסגעלייגט מיט רויטע ציגל; אויף די פּאָליצעס — ריין אויסגעוואַשענע כּלים; אויף די ווענט זײַנען געהאַנגען שיינע בלויע טעלער און בלישטשעדיקע קופּערנע טעפּלעך. אָבער שענער פון אַלץ איז געווען די בעט מיט די שניי־ווײַסע קישנס און דער שיינער אויסגענייטער דעקע.

די באָבע האָט עס אַליין אויסגענייט. זי איז געווען זייער שטאָלץ מיט איר אַרבעט. די בעט איז פאַרהאַנגען. אָבער ווען עס קומען געסט, ציט די באָבע פונאַנדער די פאָרהאַנגען.

הײַנט זײַנען דאָך די געסט געווען קיט און קעט.

ווען דער צווילינג איז שוין געווען גאָר פאַרטיק, האָט זיך די באָבע ארומגעזען, אַז זיי זײַנען אין זייערע יאָנטעוודיקע קליידער. און ווי קאָן דאָס דער זיידע אַזוי לאָזן פירן מילך אין אַזוינע קליידער!

קיט און קעט האָבן געמיינט, אַז די באָבע וועט זיי ניט לאָזן פירן די מילך. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן צו רײַבן די אויגן און טרערן האָבן זיך גענומען גיסן.

— וויינט ניט — האָט די באָבע געזאָגט — איך וועל שוין געפינען אַן עצה.

דער צווילינג האָט אויסגעהערט און אָנגעהויבן לאַכן.

די באָבע האָט ארויסגענומען פון שאַף אַ קליינעם פאַרטעכל און אָנגעטאָן קיטן.

— דאָס איז דײַן פעטערס פאַרטעכל, ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ קליינער. דאָס פאַרטעכל איז אַפילו זייער אַ קורצס, אָבער עס מאַכט ניט אויס.

קיטן האָט פאַרדראָסן, וואָס דער פעטער האָט ניט מיטגענומע דאָס פאַרטעכל מיט זיך, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקען. אָבער ער האָט געשוויגן.

פאַר קעטן האָט די באָבע געפונען אַן אַלטן פאַרטעכל מיט לאַטעס וואָס איר מאַמע האָט געטראָגן, ווען זי איז געווען אַ קליינע.

אוי, האָט זיך קעטן ניט געוואָלט אָנטאָן דעם מיאוסן פאַרטעכל אויף איר שיין קליידעלע! אָבער זי האָט זיך דערמאָנט וועגן וועגעלע מיט מילך. זי האָט אַרײַנגעשטעקט אַ פינגערל אין מויל און איז פאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער באָבען און די באָבע האָט גלײַך אָנגעטאָן אויף איר דאָס פאַרטעכל.

דער צווילינג האָט זיך אַזוי געאײַלט, אַז זיי האָבן קוים אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן. זיי זײַנען געלאָפן אין שטעלכל העלפן דעם זיידן אײַנשפּאַנען די הינט. איין הונט איז געווען אַ ווײַסער און דער אַנדערער אַ שוואַרצער. געהייסן האָבן זיי פּעטער און פּאָול.

דאָס וועגעלע איז געווען גאָר אַ קליינס. עס איז געווען בלוי געפאַרבן. אויף אים זײַנען שוין געשטאַנען די בלישטשעדיקע קופּערנע קריג מיט מילך און אין מיטן איז געווען אַן אָרט פאַר קעטן.

ווען די הינט זײַנען שוין געווען אין שפּאַן, האָט דער זיידע אויפגעהויבן קעטן און האָט זי אַרײַנגעזעצט אין וועגעלע. זי האָט זיך פעסט געהאַלטן מיט ביידע הענט פאַר די זײַטן פון וועגעלע.

דערנאָך האָט דער זיידע דערלאַנגט קיטן די לייצעס און אַ שטעקל אָנשטאָט אַ בײַטש. ער האָט אים געהייסן גיין פאַמעלעך לעבן די הינט און ניט אַרויסלאָזן די לייצעס פון האַנט. דער זיידע אַליין איז געגאַנגען פון הינטן און האָט געטראָגן צוויי קריג מיט מילך. די באָבע איז געשטאַנען אויפן גאַניקל און זיי באַגלייט מיט די אויגן.

ווען דאָס וועגעלע האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט קעט נאָך לאַנג געפאָכט צו דער באָבען מיט איין האַנט. אָבער זי האָט זיך באַלד ווידער געמוזט אָנהאַלטן מיט ביידע הענט, ווײַל דאָס וועגעלע האָט זייער געטרייסלט אויפן שטיינערנעם ברוק.

קיט האָט געפאָלגט דעם זיידן און געפירט די הינט זייער פאַמעלעך. אָבער באַלד האָט קיט דערהערט קלעפּ פון רעדער הינטער זיך. דאָס איז זײַן חבֿר האַנס הייט גיך געפאָרן אויף זײַן וועגעלע, וואָס אין אים זײַנען אויך געווען אײַנגעשפּאַנט הינט.

האַנס האָט דעריאָגט קיטן, באַוויזן אים אַ צונג און אויסגעשריען אויפן קול:

— דו ביסט דאָס? — איך האָב געמיינט, אַז אַ שילדקרעט פירט די מילך.

קיט האָט זיך גאָר פאַרגעסן, וואָס דער זיידע האָט אים אָנגעזאָגט.

— נאָ, נאָ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף די הינט און זיי שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן.

פּעטער און פּאָול זײַנען אונטערגעשפּרונגען און האָבן זיך אַ טראָג געגעבן פאָרויס. קיט איז געלאָפן בײַ דער זײַט, ניט אַרויסגעלאָזן די לייצעס פון די הענט און זיך געמיט ניט אָפּצושטיין פון די הינט. אָבער די הינט האָבן דאָך געהאַט צו פיר פיס און קיט נאָר צוויי, האָט ער זיי ניט געקאָנט נאָכהאַלטן.

ווען פּעטער און פּאָול האָבן גענומען לויפן, האָט זיך קעט זייער דערשראָקן און זי האָט אָנגעהויבן הויך צו שרײַען. די הינט האָבן זיך נאָך מער דערשראָקן פון איר געשריי און זײַנען געלאָפן נאָך גיכער. דער זיידע פלעגט דאָך קיינמאָל ניט שרײַען. די הינט זײַנען פּשוט משוגע געוואָרן פון שרעק.

קעט האָט זיך געהאַלטן מיט בײדע הענט פאַרן וועגעלע, אָבער פון גיכן לויפן האָט איר געשלײַדערט אין אַלע זײַטן און אַ פּאָר מאָל איז זי אונטערגעפלויגן גאָר הויך. די קריג מיט די מילך זײַנען אויך געשפּרונגען און די מילך האָט זיך אַרויסגעפלושקעט פון זיי.

קעט האָט זיך עטלעכע מאָל גוט אָפּגעשלאָגן אָן האַרטן בענקל, אָבער געשריען האָט זי ניט פון ווייטיק, נאָר פון שרעק. די הינט זײַנען אַלץ געלאָפן; קיט — נאָך זיי, ביז וואַנען ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן ברוק. אָבער די לייצעס האָט ער פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזן.

פאַלנדיק האָט קיט ניט ווילנדיק אַ שטאַרקן צי געטאָן די לייצעס און די הינט האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. פאַר קעטן איז דאָס געקומען אומגעריכט. זי האָט זיך ניט באַוויזן אָפּצושטעלן, איז אַרויסגעפלויגן פון וועגעלע און געפאַלן צווישן פּעטער און פּאָולס פיס. ליגנדיק אויף דער ערד האָט זי ניט אויפגעהערט צו שרײַען.

קיט האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ גרויסער יינגל און האָט אויך אָנגעהויבן צו וויינען. פּעטער און פּאָול האָבן אויפגעהויבן די אויך געגומען סקאַווטשען.

דער זיידע איז געבליבן ווײַט פון הינטן. ער איז געלאָפן צו זיי מאָרדעס און מיט אַלע כוחות.

אין די הײַזער האָבן זיך געעפנט טירן און מע איז געלאָפן זען, וואָס עס האָט פּאַסירט. פרויען זײַנען געלאָפן צו די קינדער, קלאַפּנדיק מיט זייערע הילצערנע שיך אויפן ברוק. איין פרוי האָט אויפגע-

הויבן קעטן, האָט איר אויסגעווישט די אויגן מיט איר פאַרטעך, געטרייסט זי און איינגערעדט, זי זאָל ניט וויינען. אַ צווייטע האָט אויפגעהויבן קיטן פון דער ערד, און נאָך איינע האָט געגלעט די הינט, זיי זאָלן זיך באַרויִקן.

פעטער און פאַול האָבן אויפגעהערט צו וויינען, אָבער דערציילן, וואָס מיט זיי איז געשען, האָבן זיי ניט געקאָנט.

קיט און קעט זיינען געווען גאַנץ און געזונט. אָבער ביי קעטן איז געוואָרן אויף דעם יאָנטעוודיקן קלייד פון פאָרנט אַ גרויסע לאָך, און ביי קיטן צוויי לעכער אויף די סאַמעטענע הויזן, און כמעט גאָר די מילך האָט זיך אויסגעגאָסן.

דערווייַלע איז צוגעגאַנגען דער ויידע מיט דער ליולקע אין מויל. פריער האָט ער געשוויגן, דערנאָך האָט ער שטרענג געזאָגט צו קיטן:

— פאַרוואָס האָסטו ניט געטאָן אַזוי ווי איך האָב דיר געהייסן?

— איך האָב דאָך געפאָלגט, איך האָב די גאַנצע צייט ניט ארויסגעלאָזן די לייצעס פון האַנט, —האָט קיט געענטפערט אַ דערשראָקענער.

— איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, דו זאָלסט פאָרן לאַנגזאַם, — האָט זיך געבייזערט דער ויידע.

— איך האָב דאָך ניט געקאָנט געדענקען אַלץ מיטאַמאָל, — האָט זיך קיט פאַרענטפערט.

— זיידעניו — האָט קעט זיך געבעטן מיט אַ געוויין:—איך וואָלט שוין אַזוי וועלן, מיר זאָלן זיין אָנדערהאַלבן מעטער די הייך. דעמאָלט וואָלט דאָס ניט געקאָנט זיך טרעפן.

דער זיידע האָט מער אַ וואָרט ניט געזאָגט און אַוועקגעפירט די הינט.

דער צווילינג האָט זיך, נעבעך, אַוועקגעשלעפט צוריק צו דער באָבען. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. נאָך זיי איז נאָכגעלאָפן אַ גאַנצע כאָפטע קינדער. זיי האָבן געשריען און געקלאַפט מיט די הילצערנע שיך.

די באָבע האָט דערהערט דעם טומל און איז ארויס אויפן גאַס.

— וואָס האָט איר דאָס געטאָן מיט אייערע קליידער? — האָט זי אויסגעשריען.

אַלע קינדער מיטאַמאָל האָבן גענומען דערציילן. די באָבע האָט פאַרמאַכט די אויערן מיט די הענט און האָט אריינגעפירט דעם צווילינג אין קיך.

דערנאָך האָט די באָבע זיי אויסגעטאָן, אריינגעלייגט זיי אין בעט און זיך געזעצט פאַרנייען זייערע צעריסענע קליידער.

װען אַלץ איז שױן געװען צורעכט געמאַכט, איז זי צוגעגאַנגען צו דער בעט. קױם און קױם האָבן געשלאָפֿן. אױף זײערע באַקן האָבן זיך נאָך געזען די טרערן. װען זײ האָבן זיך אױפֿגעכאַפּט, האָט זי זײ אַרומגעװאַשן און װידער אָנגעטאָן די שײנע קלײדער. דערנאָך איז געקומען דער זײדע. די באָבע האָט אַזױ רײן אױסגעװאַשן דאָס װעגעלע, אַז איר װאָלט ניט דערקענען, אַז מיט אים האָט עפּעס פּאַסירט.

נאָך מיטאָג, װען די הינט האָבן זיך אָפּגערוט, האָט דער זײדע געזאָגט: — אױב איר װעט פֿאָלגן, װעט איר פֿאָרן אַהײם אין װעגעלע, אָבער איך װעל אַלײן פֿירן די הינט.

װען דער צװילינג איז געקומען אַהײם, האָט זיך די זון שױן גענומען אַראָפּלאָזן און פֿרױ װעדער איז אַרױס אױפֿן הױף קאָרמענען די הינדעלעך.

קיט און קעט לערנען זיך גליטשן.

איינמאָל זײַנען קיט און קעט ארויסגעלאָפן אויפן הויף גאָר פרי קאָרמענען די ענטלעך. דער פראָסט האָט אַ קניפּ געטאָן די נאָז און די אויערן.

— עס ווערט קעלטער פון טאָג, — האָט קעט געזאָגט: — באַלד וועט זיך אָנהייבן דער ווינטער.

די קינדער זײַנען צוגעלאָפן צום קאַנאַל. בײדע אַלטע געגנדז זײַנען געשטאַנען מיט זייערע גענדזעלעך אויפן ברעג. זיי זײַנען געווען זייער צעטראָגן. אויפן וואַסער איז שוין געווען אַ דין הײַטל פון אײַז, און שווימען האָט מען ניט געקענט.

קיט האָט מיט אַ שטעקן צעקלאַפּט דעם אײַז, און די פאַמיליע געגנדז האָט זיך לאַנגזאַם איינע נאָך דער אַנדערער אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער.

דאָס וואַסער איז שוין אָבער געווען זייער קאַלט די געגנדז האָבן ניט לאַנג געשווומען. זיי זײַנען באַלד ארויס אויפן ברעג, האָבן זיך אָפּגעטרייסלט און זיך געוואַרעמט אויף דער זון.

קיט און קעט האָבן זיך געשפּילט אין יאַגעניש. די באַקן האָבן זיך צערויטלט. דערנאָך זײַנען זיי אַוועקגעלאָפן זיך דערוואַרעמען צו דער מאַמען אין קיך.

דאָס וואַסער האָט פריילעך געקאָכט אין קעסעלע און ס'האָט אַזוי געשמאַק געשמעקט מיט קאַווע. פרוי וועדער האָט זיי אָנגעגאָסן טעפּעלעך קאַווע מיט מילך און זיי געגעבן צו שטיקלעך צוקער.

די קינדער האָבן זיך געוווּנדערט: קאַווע פלעגט מען זיי געבן נאָר זונטיק, אין דער וואָכן פלעגן זיי טרינקען מילך.

— מאַמע, הײַנט איז זונטיק? — האָט קעט געפרעגט.

— ניין, — האָט די מאַמע געזאָגט:—אָבער הײַנט איז זייער קאַלט. האָב איך אויסגעקאָכט קאַווע, איר זאָלט זיך דערוואַרעמען.

טרינקענדיק די קאַווע האָבן די קינדער געפלוידערט צווישן זיך. ווי היימלעך עס וועט זײַן, ווען דער קאַנאַל וועט פאַרפראָרן ווערן. זיי וועלן זיך שליטלען אויפן אײַז אין שליטעלעך און אפשר וועט מען זיי אפילו קויפן גליטשערס.

דערווײַלע האָט די מאַמע גענומען אַ באַרשט און אַ טוך. זי האָט געוואָלט גוט אויסוואַשן דעם שטאַל פֿאַר זייער קו. זומער פֿלעגט די קו נעכטיקן אויף דער לאָנקע. אָבער איצט מוז מען זי שוין ברענגען אַהיים.

קיט און קעט האָבן זיך אַרויסגערופֿן, אַז זיי וועלן העלפֿן דער מאַמען. זיי האָבן געטראָגן די באַרשט מיט דער טוך, און די מאַמע — אַן עמער וואַסער.

פֿרוי וועדער האָט זייער לאַנג און גוט געשײַערט דעם שטאַל. ער איז געוואָרן אַזוי ריין, אַז אַפֿילו מענטשן וואָלטן אין אים געקענט וווינען.

קיט און קעט זײַנען זיך געבליבן שפּילן אין שטאַל. דאָס וועט זײַן זייער שטוב. קעט וועט זײַן די מאַמע און קיט דער טאַטע. זיי האָבן זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט: ווער וועט זײַן דער צווילינג?

— די ענטלעך! — האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעכאַפּט קיט.

— גוט! — האָט זיך אָפּגערופֿן קעט. זיי זײַנען דאָך טאַקע אַ צווילינג. זיי זײַנען אַלע געבאָרן געוואָרן אין איין טאָג.

קיט איז אַוועקגעלאָפֿן נאָך די ענטלעך. זיי זײַנען אונטערגע־וואַקסן און האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט צו די קינדער, אַז זיי פֿלעגן אַרויסלויפֿן אַנטקעגן, ווי נאָר זיי פֿלעגן דערזען קיטן און קעטן.

די קינדער האָבן זיך געזעצט אויף אַ קעסטל, גענומען יעדער אַן ענטעלע אויפֿן שויס און אָנגעהויבן זיי קאָרמענען מיט קערנער.

קעט האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז קליינע קינדער קענען זיך באַ־גיסן, ווען זיי עסן. האָט זי געבראַכט שמאַטקעלעך און אַרומגעבונדן די ענטלעך אַזוי ווי מע טוט אָן קליינע קינדערלעך. די ענטלעך איז דאָס ניט געפֿעלן און זיי האָבן גענומען שרײַען.

קעט האָט זיי געוואָלט אײַנשטילן. האָט גערעדט צו זיי ווי צו קינדער, אַז ס׳איז ניט שיין צו שרײַען. קיט האָט געבראַכט אַ לעפֿעלע און האָט זיי געגעבן טרינקען. אָבער די ענטלעך האָבן זיך נאָך מער געריסן און נאָך מער געשריען.

— לאָמיר זיי לייגן שלאָפֿן! — האָט קעט געזאָגט.

זיי האָבן גענומען אײַנוויגן די ענטלעך אויפֿן האַנט, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ געשריען.

— נעם זיך צו דעם צווילינג — האָט קיט געזאָגט און דערלאַנגט קעטן זײַן ענטעלע — אַזוינע שלעכטע קינדער! ס׳איז ניט אויסצוהאַלטן פֿון זיי!

קעט האָט געהייסן קיטן אויסבעטן פֿאַר זיי די בעט. קיט האָט

אָנגעלײגט הײ אין אַ קעסטל, האָט אַהין אַרײַנגעלײגט די ענטעלעך, און זײ זײַנען אײַנגעשלאָפן.

די קינדער זײַנען אַרויסגעלאָפן אויפן הויף און האָבן זיך גאָר פאַרגעסן אָן זײער צחילינג. אין אָוונט האָט דער פאָטער אַרײַנגעפירט די קו אין שטאַל. אין דער פינצטער האָט ער אַ שטויס געטאָן דאָס קעסטל. די ענטעלעך האָבן גענומען גאַגערן. די קו האָט זײ נאָך גע־קענט צעטרעטן ניט װילנדיק. דער פאָטער האָט געהײסן די קינדער אָװעקטראָגן אויף זײער אָרט.

— ס'איז אָן עֵסק מיט אַ צחילינג — האָבן זיך מוֹדֶה געװען קיט און קעט.

נאָכן אָוונטעסן האָט דער פאָטער פאַרװיכערט זײַן ליולקע.

קעט האָט שטיל אײַנגערוימט קיטן אַ סוד אין אויער:

— בעט בײַם טאַטן גליטשערס, אָבער רײד אײדל, נאָר אײדל.

— טאַטינקע — האָט קיט אָנגעהויבן — מיר זײַנען דאָך שוין גאָר גרויסע. דער קאַנאַל איז שוין הײַנט אין דער פרי געװען אײַנגעפראָרן. ס'איז דאָך שוין צײַט, מע זאָל אונדז שענקען גליטשערס. ניט אַזוי, טאַטע?

— אָך, אַזוי! — האָט דער פאָטער געענטפערט: — איר זײַט שוין אַזוינע גרויסע. נו, און װאָס זאָגסטו, מאַמע?

— איך זאָג, אַז זײ זײַנען גוטע קינדער. בײַ אונדז זײַנען נאָך דאָ די גליטשערס, װאָס מיר האָבן זיך אויף זײ געגליטשט, װען מיר זײַנען געװען קלײנע. זײ ליגן אין אַ זאַק הינטער דער שאַפע. מע דאַרף פרוּװן אָנמעסטן זײ קיטן און קעטן — האָט די מאַמע געענטפערט.

קיט און קעט זײַנען געװען זײער גליקלעך, װען דער פאָטער האָט טאַקע אַרויסגענומען די גליטשערס, ער האָט אָנגעזאָגט, אַז מע דאַרף זײ היטן, איטלעך מאָל זײ אָפּװישן מיט אַ טיכל נאָכן גליטשן זיך, זײ זאָלן ניט פאַרראָסט װערן.

קיט און קעט האָבן זיך גלײַך גענומען לערנען שטײן און גײן אין גליטשערס אויפן דיל; און װען זײ האָבן געדאַרפט גײן שלאָפן, האָבן זײ מיטגענומען די גליטשערס מיט זיך אין בעט צרײַן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געװען אַ שטאַרקער װינט. ער האָט געבלאָזן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט.

אַז דער צװילינג איז אויף מאָרגן אין דער פרי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, האָט ער דערזען, אַז דער קאַנאַל האָט זיך באַדעקט מיט אַ גראָבן אײַז, װאָס האָט געגלאַנצט אויף דער זון.

קיט און קעט זײַנען אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און האָבן זיך גענומען בעטן, מע זאָל זײ אויסלערנען זיך גליטשן אויפן אײַז.

דער פּאָטער איז אַרויס זען, צי דער אײַז איז גענוג שטאַרק. ער האָט זיך באַלד אומגעקערט און געהייסן די קינדער זיך אָנטאָן װאַרעם. די מאַמע איז אויך מיטגעגאַנגען. אַלע פיר האָבן אַריבערגעוואָרפן זייערע גליטשערס איבער דער פּלייצע.

דער פּאָטער האָט אַרויפגעפירט דעם צווילינג אויפן אײַז. די קינדער האָבן מוֹרא געהאַט זיך אַ ריר צו געבן.

— קוקט, ווי מע דאַרף זיך גליטשן — האָט דער פּאָטער געזאָגט און האָט אַ כאַפּ געטאָן די מוטער פאַר דער האַנט. ביידע האָבן זיך אַוועקגעטראָגן אויפן אײַז לײַכט און גיך ווי פייגל.

קיט און קעט האָבן ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווען זיי זײַנען געבליבן אַליין אויפן אײַז.

— לאָמיר פּרוּוון, ס'איז גאָרניט אַזוי שווער. מע דאַרף זיך ניט שרעקן—האָט קיט פאָרגעלייגט.

ער האָט געפּרוּווט אַ רוק געבן דעם רעכטן פוס, אָבער ער האָט זיך ניט גערירט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ פרעמדער פוס. דאַן האָט ער געפּרוּווט אַ רוק טאָן דעם לינקן פוס. איז ער אָבער אַוועק ניט אין דער זײַט, ווו קיט האָט געוואָלט. האָט זיך פאַרטשעפּעט אין קעטס גליטשערס, און די קינדער זײַנען ביידע געפאַלן אויפן אײַז. זיי האָבן זיך געוואָלט אויפהייבן, אָבער די פיס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אָן די גליטשערס און זיי ניט געפאָלגט.

— איך ווייס ניט, ווו מײַנע פיס זײַנען און ווו דײַנע! — האָט קיט געזאָגט.

— איך אויך ניט — האָט קעט געענטפערט.

ס'איז געווען קאַלט אויפן אײַז, אָבער זיי האָבן געמוזט זיצן.

צום גליק האָבן זיך באַלד באַוויזן די עלטערן. זיי האָבן מיט אַ געלעכטער אויפגעהויבן דעם צווילינג און גענומען זיי לערנען זיך גליטשן. די מאַמע האָט גענומען קעטן, און דער טאַטע—קיטן. די פיס האָבן זיך געטשעפּעט איינע אָן די אַנדערע, האָבן זיך געבויגן, זײַנען זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע זײַטן. גוט, וואָס טאַטע-מאַמע האָבן צו-געהאַלטן. אויב ניט, וואָלטן קיט און קעט געפאַלן אויפן אײַז. דאָך האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אַ ווײַלינקע זיך האַלטן אויפן אײַז.

צום סוף האָט די מאַמע באַוויזן, ווי מע מאַכט מיט די גליטשערס אַ קרײַז און דערנאָך אַן אַכט. דער פאָטער האָט דאָס זעלביקע געמאַכט אויף איין פוס.

קיט און קעט האָבן זיך געוווּנדערט, ווי גוט טאַטע-מאַמע גליטשן זיך.

דער פֿאָטער האָט געזאָגט, אַז ס'איז צײַט צו גײן אַהײם. דעם ערשטן מאָל טאָר מען מער ניט.

אויף מאָרגן האָבן די קינדער דעם גאַנצן טאָג װי געטאָן די פּיס. נאָכדעם פֿלעגן קיט און קעט לױפֿן אַלע טאָג אױפֿן קאַנאַל מיט זײערע גליטשערס. זײ האָבן געװאָלט זיך אױסלערנען גליטשן און לױפֿן אױף די גליטשערס אין שטאָט צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיט דעם טאַטן. דאָרטן האָט מען געקענט זען אַװינע שײנע זאַכן אין די פֿענצטער פֿון די געשעפֿטן.

קיט און קעט אין שטאָט.

די קינדער האָבן זיך זייער פלײַסיק געלערנט גליטשן און אין גיכן האָבן זיי זיך טאַקע אויסגעלערנט גאָר ניט שלעכט צו לויפן איבערן אײַז אין זייערע גליטשערס. זיי האָבן געוואָלט איבערראַשן די עלטערן.

— מאַמע, אויב דו וועסט הײַנט אַרויסקומען אויפן קאַנאַל, וועסטו זען עפּעס זייער אַן אינטערעסאַנטע זאַך—האָט קיט געזאָגט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דער צווילינג אַרויסגעגנבֿעט פֿון שטוב. אויפן ברעג האָט מען אָנגעטאָן די גליטשערס און מע האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן אײַז.

פֿרוי וועדער האָט אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער און האָט דערזען, ווי קיט און קעט גליטשן זיך האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט.

די מוטער האָט צוגערופֿן דעם פֿאָטער צום פֿענצטער.

קיט האָט אויף די גליטשערס געמאַכט די פֿיגור פֿון אַן אַכט איבערן אײַז, און קעט האָט געמאַכט אַ קרײַז.

ווען די קינדער זײַנען אַרײַן אין שטוב, האָט דער פֿאָטער געזאָגט:

— איר גליטשט זיך אַזוי גוט, אַז איך האָב זיך ניט וואָס צו שעמען מיט אײַך. מאָרגן וועלן מיר אַלע לויפֿן איבערן אײַז אין שטאָט אַרײַן און איר וועט זען די שיינע אויסשטעלונגען אין די פֿענצטער.

קיט און קעט האָבן זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויפֿן מאָרגן. אין אָוונט האָבן זיי ריין געמאַכט די גליטשערס און זיך צוגעגרייט אין וועג אַרײַן.

אויף מאָרגן זײַנען זיי גאָר פֿרי אויפֿגעשטאַנען. האָבן אָנגעטאָן די גליטשערס און זיך אַוועקגעגליטשט אין שטאָט אַרײַן.

קעט און קיט זײַנען געלאָפֿן פֿאָרויס. זיי האָבן זיך פֿאַרמאָסטן, ווער ס'וועט גיכער צולויפֿן צו דער ווינטמיל.

די ערשטע איז צוגעלאָפֿן קעט. קיטן האָט דאָס ניט געפּאַסט.

— ווען איך זאָל וועלן, לויף איך צו דער ערשטער — האָט ער ברוגזלעך געזאָגט.

אויפֿן קאַנאַל זײַנען געווען פֿול מענטשן, און אַלע אין גליטשערס: אַ פֿרוי מיט אַ קליין קינד בײַ דער האַנט, אַ פּויער מיט אַ לאַנגער

ליולקע אין מויל. ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם זײַן פרוי, וואָס האָט געטראָגן אַ קויש אייער.

אויפן ברעג פון קאַנאַל האָבן זיך באַוויזן קליינע בײַדלעך, באַפּוצטע מיט פאָנעס. לעבן איין בײַדל איז געשטאַנען אַ מענטש. ער האָט געפּאַטשט מיט די הענט און גערופן אין בײַדל אַרײַן.

— פרישע מילך, קומט אַרײַן אויסטרינקען אַ גלאָז פרישע מילך!

לעבן אַ צווייטן בײַדל האָט מען געשריען אַזוי:

— טערטעלעך, הייסע טערטעלעך! פאַר איין צענט אַ הייסן טערטעלע!״

די מאַמע האָט אַרײַנגעפירט קיטן און קעטן. מע האָט געקויפט צוויי שטיק, און אַלע האָבן געגעסן צו האַלבע.

וואָס נענטער צו דער שטאָט, אַלץ מער מענטשן אויפן קאַנאַל באַלד זײַנען זיי געקומען צו אַ גרויסן הויז. אַרום און אַרום האָט מען זיך געשטופּט. דאָס איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע קיך. אין אַ גרויסן זאַל זײַנען געשטאַנען אַ סך קליינע טישעלעך. מע איז געזעסן אַרום די טישעלעך, געגעסן און געטרונקען. דער פאָטער האָט געפונען אַ ליידיק טישל און די פאַמיליע האָט זיך געזעצט עסן. דער פאָטער האָט באַשטעלט אַרבעס־זופּ. קיט איז געווען זייער צופרידן. דעם ערשטן מאָל אין זײַן לעבן האָט ער געגעסן אין אַ גרויסער קיך צוזאַמען מיט אַזוי פיל פרעמדע מענטשן.

אָפּגעגעסן, איז מען געגאַנגען ווײַטער. מע האָט זיך אָפּגעשטעלט כמעט בײַ יעדן געשעפט. ווי שטעלט מען זיך ניט אָפּ, אַז אין די פענצטער ליגן אַזוינע ווונדערלעכע זאַכן: הײַזעלעך פון קאָנפעקטן און שאָקאָלאַד, מענטשן און חיות פון לעקעך און טאָרט, פייגעלעך און פיש פון צוקער.

קיטן האָט זיך געוואָלט אַ לעקעך, און קעט האָט געחלומט וועגן אַ קאָנפעקט־אַ פייגעלע.

פרוי ווערער האָט אײַנגעקויפט עטלעכע זאַכן, און דער פאָטער האָט געוויזן דעם צווילינג די שטאָט.

צוריק איז מען ווידער געלאָפן אויף די גליטשערס איבערן אײַז. אַלע פיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט.

אַהיים איז מען געגאַנגען שוין פינצטערלעך. די מוטער האָט אײַנגעהייצט דעם אויוון, און דער פאָטער איז אַרויס צוזען די בהמה און די עופות.

אין דער פרי האָבן קיט און קעט זיך אויפגעכאַפּט, ווען דער אויוון איז שוין געווען אויסגעהייצט און אין שטוב איז געווען ליכטיק און וואַרעם. ס׳איז דאָך געווען יאָמטעוו, האָט מען געטרונקען קאַווע.

באַלד נאָך פֿרישטיק האָט אָנגעהויבן שנייען. קיט און קעט זײַנען אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן און האָבן געוואָרפֿן ברעקלעך ברויט אויפֿן שניי: זאָלן די פֿייגעלעך אויך הנאה האָבן פֿון יאָמטעוו!

עס האָט געשנייט אַ גאַנצן טאָג אָן אויפֿהער.

דער צווילינג איז אַרײַן אין שטוב. בײדע האָבן געהאָלפֿן דער מאַמען קאָכן און אויפֿראַמען.

ס'איז געווען ליכטיק און ציכטיק אין אַלע ווינקעלעך. צו מיטאָג זײַנען געקומען די באָבע און דער זיידע. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר און די מאַמע איז אַרויס אין פֿאָרהויז מיט אַ באַרשט און האָט זיי געהאָלפֿן אָפּטרייסלען דעם שניי.

שטעלט זיך פֿאָר: דער זיידע און די באָבע זײַנען אויך געקומען אויף גליטשערס.

דער מיטאָג איז געווען זייער אַ געשמאַקער. זיצנדיק בײַם טיש האָט די מאַמע דערציילט, ווי קיט און קעט האָבן זיך אויסגעלערנט גליטשן. דער זיידע האָט דערציילט, ווי ער פֿלעגט פֿאַרברענגען יאָמטעוו, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינער.

נאָך מיטאָג האָט זיך די באָבע געזעצט אין איר ווינקעלע לעבן אויוון. קיט און קעט האָבן זיך צוגעזעצט אויף זייערע בענקלעך, און די באָבע האָט זיי גענומען דערציילן אַ מעשׂה:

אַמאָל מיט פֿילע יאָרן צוריק האָבן געלעבט דרײַ קליינע ברידער. זיי זײַנען געגאַנגען אין וואַלד קלײַבן האָלץ. זײַנען זיי אַרײַן טיף אין וואַלד און האָבן זיך פֿאַרבלאָנדזשעט. זיי זײַנען געוואָרן מיד און הונגעריק. זיי זײַנען אָבער געווען בראַווע ייִנגלעך און האָבן ניט געוויינט. ס'איז געוואָרן נאַכט. זיי האָבן זיך שוין געוואָלט לייגן שלאָפֿן אויף דער ערד. מיטאַמאָל האָט איינער ברודערל דערזען אַ פֿײַערל פֿון הינטער די ביימער. זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום פֿײַערל. אין וואַלד איז געווען פֿינצטער, און זיי האָבן זיך אַלע ווײַלע אָנגעשטויסן אויף שטיינער און וואָרצלען.

דאָס פֿײַערל האָט געלויכטן פֿון אַ קליין שטיבעלע, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן ברעג פֿון וואַלד. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט. אַן אַלטע פֿרוי האָט זיי געעפֿנט.

— לאָזט אונדז איבערנעכטיקן — האָבן די ברידערלעך זיך געבעטן.

די אַלטע האָט געפֿרעגט איר מאַן. [illegible] איז געזעסן בײַם אויוועלע. ער האָט מיט אַ געשריי געענטפֿערט, זיי זאָלן זיך לייגן אויפֿן הייבוידעם.

די ייִנגלעך זײַנען אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ לייטער און האָבן זיך

געלייגט אויפן היי. זיי זיינען געווען מיד און האָבן טאַקע גלייך איינגעשלאָפן.

די אַלטע און איר מאַן האָבן אָבער ניט געשלאָפן.

— זיי זיינען גוט אָנגעטאָן,—האָט געזאָגט דער אַלטער: מע דאַרף זיי אויסטאָן, צונעמען ביי זיי די קליידער און אויסטרייבן.

קיט און קעט זיינען געוואָרן צעציטערטע.

— אזוי!—האָבן זיי ביידע אויסגעשריען.

— וואַרט אויף — האָט די באָבע געזאָגט — שרעקט זיך ניט, איר ווייסט דאָך ניט, וואָס וועטער איז געווען.

קיט און קעט האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס מיט די דריי ברידערלעך וועט זיין.

אָבער דערווייַלע האָט די מאַמע אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— אָך, ווי שפּעט עס איז שוין!—האָט זי זיך אָפּגערופן — און די קינדער שלאָפן נאָך ניט.—קיט און קעט, קומט, איך וועל אייך העלפן זיך אויסטאָן.

קיט און קעט האָבן, נעבעך, געמוזט פאָלגן, און די באָבע האָט ניט באַוויזן צו דערציילן דעם סוף פון דער מעשה.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען שוין ביידע קינדער געלעגן אין בעט. די מאַמע האָט פאַרצויגן דעם פאָרהאַנג, זיי זאָלן גיכער איינשלאָפן.

— אַ גוטע נאַכט, מיינע קליינע קינדערלעך! — האָט די מאַמע צו זיי געזאָגט.

אינהאַלט:

קיט און קעץ — 3

ווי קיט איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער — [illegible]

מיטן פֿאָטער אויפֿן מאַרק — 8

אַ טאָג מיט דער מאַמען — 14

ווי אַזוי דער צווילינג האָט פֿאַרבראַכט זונטיק — 20

ווי אַזוי דער צווילינג פֿירט פֿונאַנדער מילך — 24

קיט און קעץ לערנען זיך גליטשן — 29

קיט און קעץ אין שטאָט — 34

וויכטיקע נײַס אין דער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור

אין פֿערלאַג „גרינינקע ביימעלעך", רעדאַקטירט פֿון ש. באַסטאָמסקי,
זײַנען דערשינען פֿאָלגנדיקע באַרימטע ביכער פֿאַר קינדער:

1. מעני און מאָני — די עסקימאָסישע צווילינג (אילוסטרירט)
2. די קליינע האָלענדער
3. די צווילינגעס — קינדער פֿון דער שטיינצײַט

אַלע דרײַ ביכער — פֿון דער באַרימטער ענגלישער קינדער־שרײַבערין
לוסי פּיטש־פּערקינס, איבערזעצט פֿון העלענע כאַצקעלס.

4. די ווילדערנע גליסטערס
פֿון סטאַל, ייִדיש — העלענע כאַצקעלס.

אין גיכן דערשײַנען אין דער איבערזעצונג (פֿון אָריגינאַל)
פֿון העלענע כאַצקעלס פֿאָלגנדיקע ביכער פֿאַר קינדער:

5. אָן אַ היים — שפּאַנענדיקע דערציילונג פֿון העקטאָר מאַלאָ.
6. די פֿליגלען פֿון מוט — פֿון זשאָרזש זאַנד.
7. וואָס מיט אַ קליינעם ייִנגל האָט פּאַסירט — אוריה.
8. דער קליינער לאָרד — פֿון פֿ. בערנעט.
9. עטוק — דער קליינער עסקימאָס — פֿון ה. אירווין און ה. סטעפֿענסאָן.
10. די קליינע שווייצערס (לענעלי און סעפּי)
פֿון לוסי פּיטש־פּערקינס.

מיט באַשטעלונגען ווענדט זיך:
S. Bastomski, Wilno, Stefanska 21.